# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XI. NO. 4 | 50 CENTS A YEAR | DECEMBER, 1928

## SHILOH

"The scepter shall not depart from Judah, nor a lawgiver from between his feet until Shiloh come; and unto him shall the gathering of the people be."—Genesis 49:10 R. V.

The occasion which called forth these words was one of solemnity and importance. Jacob was about to die, and in keeping with the Patriarchal custom called for his sons that he might bless them and declare to them "what shall befall you in the last days." That his words were an important prophesy is seen in the accuracy with which he predicted the later history of the descendants of his twelve sons. Beginning with Reuben, his first-born, and continuing with Simeon and Levi, he tells them that because of their lives they are not to be permitted to head the tribe from which shall come the promised blessing, the Messiah. Then, coming to Judah, Jacob promises him the preeminence among his bretheren, and utters the words quoted at the beginning of this article.

That the key-word of this quotation is "Shiloh," can be readily seen because the words before it and after it all hinge upon it. There are several interpretations of this passage, and we shall try to see which is correct, and just what is meant by "Shiloh."

One interpretation given by some, is that it means merely the city of Shiloh, located in the central part of Palestine, a little north and east of Jerusalem. They assert that these words mean merely, that the people will be gathered to the city of Shiloh. That this is not the true meaning of the text may be seen from the words themselves. In the Hebrew, all cities are in the feminine gender, and therefore the text should read "to her," whereas it reads "to him." Since the pronoun is masculine it cannot refer to the city of Shiloh, nor can the text mean merely that the people shall be gathered to that city.

Others, ignoring the Massoretic vowel points and the traditional reading and interpretation, say that the text means, "until Judah shall come to the city of Shiloh, and to him (Judah) shall the gathering of the people be." There are two serious objections to this interpretation. The first has been already stated, viz., the ignoring of the Massoretic points and traditional understanding of the text. The second is, that this interpretation is contrary to the facts of history. Jacob predicted Judah's preeminence saying, "thy fathers' children shall bow down before thee." But when the children of Israel did finally come to the city of Shiloh, and even for many years afterward, Judah held no important place. In fact, during the entire period of the Judges, Judah remained inconspicuous, and is not even mentioned in Deborah's Song of Victory. Even Israel's first king, Saul was of the tribe of Benjamin. It was not until the official acceptance of David by the rebellious tribes that the prediction, "thy father's children shall bow down before thee," was fulfilled; and the scepter was finally in the grasp of Judah. But there was no connection between this event and the coming of Israel to Shiloh, for they no longer sojourned at Shiloh, but had already progressed far in the conquest of the Promised Land. Also the text speaks of the departure of the scepter in connection with "Shiloh." Therefore this interpretation is also inadmissible.

There is another interpretation of the word "Shiloh" and that is, that "Shiloh" is a name of a person, the Messiah. Most of the earlier Rabbis and interpreters, whose writings have come down to us, admit that this prophecy must refer to the Messiah. Later, however, when the Christians began to use it as an argument in favor of the Messiahship of Jesus, the Rabbis were driven to other interpretations, as they were not willing to accept the Christian view and all its implications. The Christian view is, that in the Lord Jesus Christ, and in Him alone, is to be found the fulfillment of this, and of all other prophecies of the Old Testament, concerning the Messiah of Israel.

The text says, "The scepter shall not depart from Judah, nor a lawgiver from between his feet until Shiloh come. . . ." The word here translated "scepter," is "Shevet" in the Hebrew, and means not only a "rod" or "scepter," but also means "tribe." Therefore it might just as well have been translated:

"The **tribe** shall not depart from Judah . . . . until Shiloh come. . . ."

It is certainly true that today no Jew can tell whether he comes from the tribe of Judah or not. Yet the T'nach (Old Testament) very plainly teaches that the Messiah must come from the tribe of Judah. But there is no way of proving anyone's descent from Judah today, as all the tribal records were lost in the destruction of Jerusalem by the Romans under Titus in 70 A. D. This is in exact accord, however, with the words of the text; there could be no obliteration of the Tribal lines until Messiah should come for, "the tribe shall not depart from Judah. . . .until Shiloh come. . . ." Thus we see the fulfillment of Jacob's prophecy in the history of the Jewish nation. Although the Ten Tribes never returned as a group from captivity, yet the Two Tribes, (Judah and Benjamin) did return after the Babylonian Captivity, preserving the Royal line of David and the Tribal line of Judah right down to the birth of the Lord Jesus Christ in Bethlehem; which blessed fulfillment of the prophecies of the Word of God we commemorate yearly at Christmas. Then after his coming, as there was no further need of keeping the line of Judah distinct, God permitted all evidence to disappear within a very few years after the resurrection of our Lord. According to the words of this prophecy, the Messiah must have come before 70 A. D., and He did come, the first time to suffer and die for sinners; and will also come again, a second time, to reign in glory.

Not only do we have these facts, but God has told us further how we may recognize the Messiah. The text says:

". . . .and unto Him shall the gathering of the people be."

His Messiahship is not to be tested by Israel's willingness to accept Him; for the word used is "'Ammim," and means "peoples." Israel has followed many false Messiahs, but rejected the only true Messiah, who came in fulfillment of the promises of God in the Old Testament. And so history has in this matter, also, shown the fulfillment of Jacob's prophecy. The Messiah, whom the Jews as a nation despised and rejected has today a following among all the "peoples" of the world. Go where you will you will find on every one of the six continents, and among every race (even from among the Jews!), men and women, boys and girls who have become followers of the Lord Jesus Christ, just as the text says, ". . . .unto Him shall the gathering of the 'peoples' be."

Will you cease your rejection of Him, your own Jewish Messiah, who was "wounded for our transgressions and bruised for our inquities," and accept Him today? Believe on Him, and come unto Him, "of whom Moses in the Law and all the prophets did write;" Jesus, the Messiah, the Saviour.

F. W. HABERER

## BETH SAR SHALOM

**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

### Come to Our Meetings

**EVERY FRIDAY - - - - 8 P. M.**
**EVERY SUNDAY - - - 8 P. M.**
**EVERY MONDAY - - - 8 P. M.**

**ALL WELCOME**

**Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

המשיח, וועלכער וועט פון זיי מאכען גוטע און נאבעלע קריסטען. זיי וועלען ליעבען דעם איד אזוי ווי פיעלע אנדערע גוטע קריסטען טהון שוין היינט און עס וועט פשוט קיין אידען־פיינד נישט זיין בנמצא.

די פשוט'ע פראטעסטען גופא האבען לחלוטין קיין ממשות, עס ווערט פארגעסען און פארלוירען אין דער לופט. עס קומט מיר עפעס אזוי פאר ווי יענער רב מיט'ן אנטרייבער ווען זיי זענען געפאהרען מיט אן אויסגעדארטער קליאטשע אויף די דערפער. פלוצים איז דאס הויט־און־ביין פערדעל שטעהן געבליבען און פראטעסטירט פאר נישט געבען איהם עסען. רופט זיך אן דער רבי צום שמייסער, שמעיה, געה אראב פון וועגעלע און ווארף עפעס פאר דעם פערדעל. שמעיה זייענדיג א בטלן, האט געמיינט, אז דער רבי מיינט פשוטו כמשמעו, פארווארפען אזוי ווי מען ווארפט איינעם פאר זיינע פעהלער. האט שמעיה אנגעהויבען פארצוווארפען איהם: דו ביזט א פערד, דיין טאטע איז געוועזן א פערד און דיין זיידע... יא דיין גאנצע משפחה זענען געוועזן פערד. עס איז נישט נויטיג צו זאגען אז מיט אזא פארווארפעריי וואלט דאס פערדעל געוועזן אויסגעהויכט זיין פערדישע נשמה און נישט געקאנט ווייטער געהן, ביז מ'האט איהם טאקע ממשות'דיגעס צו עסען געגעבען. ערשט דאן איז עס צו זיך געקומען און האט געקאנט פארווערטס געהן. אט אזוי נוצלויז זענען אויך די אידישע פראטעסטען וואס ברענגען לחלוטין קיין גוטעס און וועלען קיינמאל קיין גוטעס ברענגען.

טייערער ליבער לעזער, מיר אידען האבען שוין א סך־ערליי זאכען פארזוכט כדי אונזער צרה'דיגע לאגע צו פארבעסערען, גארנישט האט געהאלפען און אידען ליידען תמיד. פארוואס זאלען מיר, אלס א נאציאן נישט פערזוכען נאך דאס איינע מיטעל, וואס מיר האבען אויבען פארגעשלאגען, וועלכעס וועט זיכער ברייננגען א גאולה און א נחמה אויף כל ישראל בשם ישוע המשיח ית"ש.

## א אידישע פאמיליע מאכט א פאגראם אויף א שוהל

איז די אידישע געגענדען פון די גרויסע אמעריקאנער שטעדט פאסירען זעהר אפט זאכען, וואס זענען אייגענארטיג, ווייל עס קאן נור פאסירען אין דעם מערקווירדיגען ארט לעבען וואס די אחינו בני ישראל האבען פאר זיך באשאפען אין דיזען לאנד.

א איד מאכט א פאגראם אויף א שוהל! דאס איז נישט עפעס א שטיק פאנטאזיע פון דעם שרייבער, עפעס א חלום, ניין, נייערט טאקע אן אמת'ע אינצידענט וואס האט דא ניט לאנג פאסירט.

מיר לאדענען אייך איין צו אונזערע

פערזאמלונגען.

אויף „לך לך", מאכט רש"י: „להנאתך ולטובתך"; קומט וואו מ'ליעבט אייך.

אין דער שטאדט ניו יארק איז ווי בעקאנט פאראן א סך אידען מיט שוהלען, תלמוד תורה'ס און צענטערס, מתנגדים, רביים, חסידים מיט אלע קליפערליך. אידען זענען נישט חלילה קיין פערשלאפען פאלק. מען געוואלטעוועט, מען ליארעמט, און מ'טומעלט. זעקס אוהר פריה פאנגט שוין אן דער ערשטער מנין ביז מאנכעס מאל ביז זייגער צוועלף בייטאג. מ'דאווענט הויך און שנעל אזוי, אז די גויים זאלען אויך וויסען אז ס'איז דא אידען אין אמעריקא וואס דאווענען מיט'ן פולען מויל.

און אט אין דער שטאדט איז פארגעקומען א פראצעס אין איינע פון די געריכטען וואס א שוהל האט אנגעקלאגט א אידישע פאמיליע וואס וואוינט אין שכנות צו דער שוהל, אז בכן די אידישע פאמיליע האט צובראכען די פענסטער פון דער שוהל, גוט מכבד געווען אויף א כוליגאנסקען אויפן אייניגע שוהל־אידען דארונטער אויך דעם אלטען שמש פון דער שוהל.

אלס עדות פאר דער שוהל זענען אויפגעטרעטען דער פרעזידענט, די גבאים, דער געשלאגענער אלטער שמש און נאך א רייהע אידען, אז די באטרעפענדע פאמיליע האט געמאכט א פארשווערונג אויסצוראטען די שוהל און זיי פערטרייבען פון ווייער נאכבארשאפט.

דער נישט־אידישער ריכטער איז נבהל ונשתומם געווארען צו הערען אז א איד זאל מאכען אזא פאלשטענדיגען פאגראם, אז אפילו א שווארצער מאה'ניק קאן דערפון נעהמען א לעסאן ווי אזוי א גוט שטיקעל ארבייט אהער צו שטעלען.

די פערטיידיגונג פון דער אידישער פאמיליע איז געוועזן, אז די שוהל אידען האבען זיך גאר נישט געקימערט פאר'ן שכן, זיי האבען אין דער שוהל אזוי געוואלטעוועט און געליארעמט ביז שפעט אין דער נאכט און זיי האבען דערמיט געשטערט די רוה פון די ארומיגע שכנים. ווייטער האבען זיי גע'טענה'ט, נאכוואס טויגען די געוואלטען ביים דאווענען, ווארום ווערט אין די קירכען אבגעהאלטען גאטעס דינסט אזוי געלאסען און רוהיג מיט אזא עהרפורכט ווי עס פאסט זיך פאר א גאטעס הויז, אבער ניט ווי אין א קרעטשמע אדער אין א מארקעט. יא, מיר האבען זיי געבעטען אביסעל שטילער און רוהיגער צו דאווענען, האבען זיי אונז נאך גוט אנגעשאלטען און פערשפראכען אין דער צוקונפט נאך העכער צו געוואלטעווען.

מיר ווילען דא נישט פערטיידיגען די קולאק אידען פאר ברעכען פענסטער אין א שוהל און פארשלאגען אידען, ווייל דאס איז טאקע גאר נישט א שעהנער וועג זיך אויפצופיהרען, דאס צייגט אבער ווידער אמאל ווי נויטיג אידען ברויכען ישוע המשיח אין זייער טעגליכען לעבען.

ישוע המשיח האט צו אידען געזאגט אין ירושלים: „ווען איהר דאווענט, זייט ניט ווי די חנפים וואס האבען ליעב צו בעטען אין די שוהלען ווי אויך אין די עקען פון די גאסען, כדי זיי זאלען געהערט ווערען פון מענשען. ווען דו דאווענסט געה אין דיין צימער און שליס צו די טהיר, אהן ליארמען און אהן געפילדער, און בעט צו דיין פאטער אין פארבארגענעם אבער ניט ווי די היידען טהון". (מתתיהו ה').

ליעבער לעזער, אזא פאסירונג וואס מיר האבען אויבען באשריבען איז נישט עפעס א צופעליגער אינסידענט וואס עס ברענגט צו א חילול השם, זעהר פיעל העסליכע זאכען פאסירען אין די שוהלען דוקא אין די ימים נוראים, סקאנדאלען מיט טיקעטס פארקויפען, א ביזנעס מיט חזנים אהן בערד, און מיט בערד אהן אידען, די שוהלען ווערען דאמאלס פערוואנדעלט עפעס אין א מורא'דיגען דור־הפלגה צושטאנד, אז מ'קאן פשוט טויב ווערען. קאן דען נישט גאט הערען א שטילע תפילה? פארוואס הערט ער די נאבעלע גוטע קריסטען, ווען זיי קומען מיט א הערציג שטיל און רוהיג געבעט! און פארוואס הערט ער איהען נישט טראץ זייער הויך ליארעמען און געשרייען ביי זייער דאווענען? וואלט ער יא צוהערען די אידישע געוואלטען ביים דאווענען וואלטען דאך אידען שוין לאנג אויסגעלייזט געווארען פון גלות. פארוואס איז דאס אזוי?

פשוט, נישט דאס שרייען שפיעלט דא א ראלע נייערט די אמונה בישוע המשיח. וואס דער קריסט האט יא און וואס דער איד האט נישט, אזוי ווי משה רבינו האט אמאל אויסגערופען, אז אידען זענען א „דור לא אמון בם", א פאלק וואס האט קיין אמונה. יא, דורך דיזער אמונה וועט ישראל נישט דארפען מאכען קולות, נישט שטערען יעגעמס רוה, עס וועט ניט קומען צו אייגענע געמאכטע פאגראמען און אידען וועלען במילא זייערע תפילות האבען בעאנטווארט ביי גאט אזוי ווי ישוע המשיח האט פארשפראכען אין יוחנן י"ד: „אז אלעס וואס מיר וועלען בעטען אין זיין נאמען וועט עס אונז געגעבען ווערען".

ב. שאטקין.

## קריסטמאס

הייליגע שטילע נאכט,
נאכט פון פרייד און פריעדען,
לכבוד דיר א וועלט ערוואכט
און זינגט א לויב צום אידען.

די לופט פארפול איז מיט מוזיק,
הללויה הערט מען זינגען;
די וועלט, פאר שמחה פון איהר גליק
די גלאקען לאזט איצט קלינגען.

און איבער בערגער, וואלד און טהאל
טראגט די נייעס זיך פאנאנד:
„געבוירען איז היינט אין ישראל
מישיח, אין יהודה'ס לאנד".

— חיים איינשפרוך.

## בית שר שלום

(וויליאמסבורג מיססיאן צו אידען)

קאר. טהרופ עוו. און וואלטען סט., ברוקלין, נ. י.

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר . . . פיר מענער און פרויען

זאנטאג נאכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען

מאנטאג נאכט 8 אוהר . . . . . . טעסטימאניאל

די ערשטע דאס צו האבען? ווי למשל, פאסט זיך דען ניט ביים איד בעסער ווי ביים קריסט צו פייערען און זיך פרעהען מיט דעם געבורט פון ישוע המשיח, דאס קינד פון בית לחם, איבער וועלכען דער אידישער נביא מיכה זאגט אונז אין אידישען תנ"ך: „ואתה בית לחם אפרתה צעיר להיות באלפי יהודה ממך לי יצא להיות מושל בישראל". (מיכה ה'). אן אנדערער אידישער נביא זאגט ווידער: „כי ילד ילד לנו בן נתן לנו... ויקרא שמו פלא יועץ אל גבור אבי עד שר שלום", (ישעיה ט). הייסט עס, אז דאס בית־לחם־קינד איז גאר אונזער, טא צו וואס זיך נאכקרומען און נאכמאכען אנדערע. פארוואס נישט בעסער זיין פון די ראשונים און זיך פרעהען מיט דעם געבוירענעם משיח בלב ונפש? און ווען דער איד וועט זיין אריגינעל, וועט ער אויך זיין דער עקזעמפלאר און דער ביישפיעל פאר דער גאנצער וועלט און זיי וועלען במילא זייז דורך ישוע המשיח א ממלכת כהנים וגוי קדוש.

„ירושלים ירושלים ההרגת את הנביאים והסקלת את הנשלחים אליך כמה פעמים רציתי לקבץ את בניך כאשר תקבץ תרנגלת את אפרחיה תחת כנפיה ולא אביתם, הנה ביתכם ישאר לכם חרבה ולא תראוני עוד עד כי תאמרו ברוך הבא בשם ד'." (מתתיהו כ"ג)

# די רבנים ווילען זיך פעראייניגען מיט קריסטען

פאר איניגע וואכען צוריק איז אנגעקומען א שטיקעל נייעס פון רוסלאנד, וואס האט טרויריג געמאכט דאס אידישע הערץ און פארביטערט דעם אידענס געמיטה. נעמליך, די אכזריות'דיגע רדיפות געגען אידישע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, פארלעצען בית עולם'ס, פארשוועכען אידישע קברים און פייניגען אידישע קינדער, וואס באזוכען חדרים.

עס איז דא אין ניו יארק איינבערופען געווארען א גרויסע מאסענפערזאמלונג אין דעם גרויסען ס:פער יוניאן האל, פון די רבנים און סתם כלל־טהוער, פערדאמענדיג דיעזע גרויזאמע טהאטען, און צום סוף פרעגט דער פארזיצענדער רב: „וואס ווילען די פארטרעטער פון די קריסטליכע קירכען טהון צו לאזען הערען זייערע שטימען וועגען דידאזיגע פאסירונג?

דארויף האט אן אנדערער רעדנער פארגעשלאגען, אז אידען זאלען זיך פעראייניגען מיט די קריסטליכע קירכען, אום צו באקעמפען די רעליגיעזע רדיפות אין דער סאוועטישער מדינה. און אויף דער פראגע צום עולם, אויב זיי זענען פאר רעם פארשלאג, האבען אלע אנוועזענדע געענטפערט מיט אן ענטהוזיאסטישען „יא".

איך ווייס נישט אויב עס איז שטארק נויטיג ווידער אמאהל צו באטאנען ווי אזא שטיקעל נייעס פון רוסלאנד אדער פון אירגענד־וואו טהוט אייך אונז וועה. אז דער אידישער צער ר"ל איז אויך אונזער צער, און ווי גערן מיר וואלטען זעהן אן ענד צו אלע אידישע צרות. אז אונזער שמחה זאל אויך ווערען די שמחה פון כל ישראל. דאך ווילען מיר דא נאך אמאהל פארזיכערען אונזערע ווערטהע לעזער, אז נישט נור אליין טהוט דאס אונז וועה, אבער מיר געהען נאך אביסעל ווייטער. מיר קומען נישט אפ מיט פשוט פראטעסטירען, וואס העלפען ווי א טויטען באנקעס, נייערט מיר האבען טיפער אריינגעבליקט אין דער זאך און אויך אויסגעפונען עפעס ממשות'דיגעס וואס עס קאן ברייגנען א ישועה אויף אידען. דאס פראטעסטירען און דאס טרויערען מיט וויינען און קלאגען איבער א צרה קאן קיינמאל נישט פארהיטען פון אן אנדערע עהנליכע אדער אפשר גאר גרעסערע צרה, וואס קאן קומען אין דער צוקונפט.

מ'דערצעהלט, אז ווען דער גרויסער נאפאליאן איז אמאהל אים תשעה באב געקומען נאך קעשענעף, האט ער נאהענט ביי א שוהל דערהערט דעם טרויריגען יאמער פון די קינות זאגערס. נישט ווייסענדיג וואס דאס איז, האט ער געפרעגט ביי זיין גענעראל אדיוטאנט וואס דאס בעדייט. יענער זייענדיג אויך א גוי האט אויך נישט געוואוסט דעם סוד דערפון. ענדליך זענען זיי אריין אין דער שוהל, וואו אידען זענען געזעסען אויף דער ערד און געקלאגט אויפ'ן קול איבער'ן חורבן. געוועהנליך האט איהם א איד דערקלעהרט די אורזאך דערפון. האט נאפאליאן זיי א זאג געגעבען: „ווילט איהר דען זיצענדיג מיט'ן הינטען אויף דער ערד צוריק באקומען אדער געווינען עפעס?".

מיט פראטעסטען און מיט שטרויענע חקירות וועלען אידען קיינמאל נישט פון רדיפות און צרות פריי ווערען, הלואי יא, די ערפאהרונגען אין דער פערגאנגענהייט האבען אונז אבער געציינט אז ניין.

מיר גלויביגע אין ישוע המשיח זעהען אבער א גאנץ אנדער מיטעל וואס קאן יא זיין א רפואה צו דער פיעל פארעלטערטער אנטיסעמיטישער מכה, און אדרבא הערט ווי אזוי:

עס איז א וואוילבעקאנטער פאקט, וואס איז באוואוסט צו יעדען, אז בעפאר די אמונה אין ישוע המשיח איז פערברייט געווארען אין דער גרויסער וועלט, איז אין די ווייטע מקומות נישט געוועזן קיין געטליכקייט, קיין ישרנות, קיין מענשליכקייט, קיין ציוויליזאציע, נייערט חושך וצלמות, אונמאראליטעט מיט עבודה זרה צו וועלכע יענע פעלקער האבען געדיענט. אבער זייט די בשורה טובה פון ישוע המשיח ווערט דארטען גע'דרש'ענט, האבען זיך די ווייטע לענדער געענדערט און זייערע איינוואוינער האבען אויפגעגעבען זייער שמוציגע לעבענס ארט און זיי זענען געווארען קינדער גאטעס דורך דעם הייליגען משיח וואס איז געקומען צו זוכען און צו רעטען דאס, וואס איז געגאנגען פארלוירען, און ישוע המשיח איז צו זיי באמת געווארען אן „אור לגוים". (ישעיה מ"ט, 6), און אזוי ווי דער קאניבאליסט האט געקאנט ווערען א נייע בריאה אין ישוע המשיח, און האט אויפגעהערט צו זיין א מענשען פרעסער, פארוואס זאל נישט קענען אויך דער הוליגאן ווערען דורכ'ן זעלבען משיח א נייע בריאה און אויפגעבען זיין חיה'שען אפעטיט צו שלאגען, שענדען און צו טרייבען אידען.

ווידער האמיר געזעהן, אז דורך ישוע המשיח האבען פיעלע כינעזער זיך אויסגעמענשעלט, זיי האבען אוועקגעווארפען זייערע צעפ מיט אלע אונמענשליכע מידות פון געצענדיענעריי און זיי זיינען געווארען בנים למקום, זיי דיענען דעם אלהי ישראל דורך ישוע המשיח. יא, דער כח פון ישוע המשיח קאן דעם מענש אוועקציהען פון אלע קרומע און שלעכטע וועגען, ווייל דאס איז דער כח פון גאט ב"ה אליין. אין מתתיהו כ"ח זאגט ישוע המשיח: „לי נתן כל ממשל בשמים ובארץ".

אט דורך דעמזעלבען כח וואלטען אויך יענע בייזע כחות פון סאוועט רוסלאנד און פון איבעראל פערשוואונדען און קיינמאל נישט מעהר געדאכט געווארען.

אנשטאט פוסטע פראטעסטען וואלטען אידען בעדארפט שיקען מ י ס י א נ ע ר ן אום צו דרש'ענען צו גוים די אמונה המשיחית, וואס וואלט געווען א ז י כ ע ר ע רפואה צו דער מכה. יא, צו אזא מין ארבייט וואלטען די גוטע קריסטען גאנץ זיכער צו געשטאנען און געגאנגען מיט אידען יד אחת.

וואס זעהען מיר אבער ליידער, אז אט לויפען אידען מאכען יד אחת מיט'ן שלעכטען און פארדארבענעם גוי ארויסצוווארפען די ביבעל פון סקול וואס עס איז דעם גוטען קריסט דאגעגען, און אט לויפט ער און וויל מאכען יד אחת מיט'ן גוטען קריסט געגען דעם שלעכטען גוי, ווען דער לעצטער שלאגט און רודפ'ט אידען. אט ווארפט ער זיך צו ברוך מרדכי און אט ווערט ער א מחותן מיט ארור המן. ער איז ניט דא און ניט דארט און איינסטווייל שלאגט מען אידען...

מיר אידען זאלען אבער עפענען די אויגען און זעהן איינמאל פאר אלעמאל וועלכער וועג עס איז גוט פאר אונז און געהן דרין, אזוי ווי גאט ב"ה זאגט אונז אין ירמיה 6: „עמדו על דרכים וראו... איזה דרך הטוב ולכו בה ומצאו מרגוע לנפשכם". וועלען מיר באלד אויסגעפינען, אז דער וועג פון משיח איז דער איינציגער וואס פיהרט אונז צו אונזער ישועה און נחמה. ישוע המשיח האט אונז געזאגט אין יוחנן י: „אנכי הדרך איש כי יבא דרך בי יושע", און א סך מיליאנען מענשען זענען טאקע דורך איהם געהאלפען געווארען.

הלואי זאל דער פארזיצענדער רב ביי יענער פראטעסט פערזאמלונג געמיינט האבען באמת א פעראייניגונג מיט קריסטען און געהן מיט זיי האנד אין האנד אין דער אמונה בישוע המשיח. ערשטענס אליין צו גלויבען אין איהם אזוי ווי גאט זאגט אין דברים י"ח: „אליו תשמעון", און צווייטענס, ארויסגעהן מיט די גוטע קריסטען און פערקינדיגען די בשורה טובה פון ישוע המשיח אויך צו אנדערע. גאט זאגט אין ישעיה מ"ג 21: „עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו". אז אידען זענען צו אזא מין הייליגער ארבייט באשאפען געווארען. דאן וועט שוין במילא די אידישע גאולה אריינקומען. יענע גוים וואס שלאגען אידען וועלען מיט גאטעס הילף קומען צו דער אמונה פון ישוע

שיקט אונז צו 25 סענט אין סטעמפס, וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש. דאס איז א גרויסער בארגין.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD. THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. XI. NO. 4 — 50 CENTS A YEAR — DECEMBER, 1928

## חנוכה קריסטמעס און מאנקיאיזם

ביי דיזער עפאכע באגעגענען זיך געוועהנליך חנוכה און קריסטמעס. מאנכעסמאל צוויי אדער דריי וואכען איינס פון צווייטען אבגערוקט און טיילמאל נור עטליכע טעג דערצווישען.

חנוכה איז א אידישער יום טוב צו פייערען דעם זיעג פון די חשמונאים איבער די יונים (די גריכען) קריסטמאס ווידער איז א קריסטליכער יום טוב אין וועלכען עס ווערט געפייערט דער געבורטסטאג פון ישוע המשיח.

די מעטאדען פון דעמאנסטרירען די פייערונגען זענען זעהר פארשיעדען ביי די צוויי רעליגיעזע קלאסען, און אזוי ווי די מעטאדען זענען פארשיעדען, אזוי זענען אויך די מאטיוון פארשיעדענארטיג ביי די צוויי סעקטען.

ערשטענס וועלען מיר זעהן די מעטאדען, ד. ה., אויף וואס פאר אן ארט און ווייזע די אידען און די קריסטען בעאבאכטען דיעזע צוויי ימים טובים. די אידען פלעגען צו האבען א זעהר קליינע דעמאנסטראציע איבער דעם יום טוב חנוכה. מ'פלעגט צו געהן אין שוהל יעדען טאג פון חנוכה, דאווענען און זאגען הלל, און אויף דער נאכט פלעגט מען אנצינדען די חנוכה לעכטליך און דערנאך שפיעלען דרעהדליך, קוויטלעך און סתם קארטען א גאנצע נאכט.

די מעטאדען פון די קריסטען בנוגע דעם יו"ט קריסטמעס זענען תמיד געווען גאנץ אנדערש, מען פלעגט — און מ'טוט נאך איצט — לייענען די ביבעל, און דאנקען גאט ב"ה פאר דער גרויסער מתנה, וואס גאט האט אונז געגעבען אין דער געבורט פון ישוע המשיח.

דער מאטיוו פון דער פייערונג חנוכה ביי אידען איז כמעט אומבעדייטענד, עס איז געווען זייןן דער לאנגער פערגאנגענהייט, איבער 2000 יאהר צוריק, אז אידען האבען טריאומפירט איבער זייערע שונאים. דאס איז אבער נור געווען אמאל, ניט מעהר היינט. עס האט זיך געטראפען א נס... אבער דאס טרעפט זיך ניט מעהר היינט דערפאר האט די עראינערונג פון יענעם זיעג א קליינע בעדייטונג פאר'ן היינטיגען טאג. עס ברענגט קיין ווארעמקייט צום הערץ, צו אונזער היינטיגען לעבען און קיין דערקוויקונג צו דער נשמה פון איצטיגען דור.

דאגעגען אבער ביי די קריסטען איז די עראינערונג פון דער געבורט פון ישוע המשיח גאנץ אנדערש. דער נס וואס עס איז דאמאלט געשעהן מיט דער געבורט פון ישוע המשיח דורכ'ן דבר ד' (ישעיה ז') איז נישט אן אלטע אבגעלעבטע שמחה, וואס האט קיין שייכות צום היינטיגען דור. יענער וואונדערבארער נס וואס ס'איז געשעהן אין בית לחם יהודה (מיכה ה') איז נישט נור דאמאלס געווען אן אורזאך פון שמחה און גדולה וואס די רועיצאן האבען געהאט אויפ'ן פעלד פון בית לחם (לוקס ב') נייערט יענע שמחה איז פונקט אזוי פריש היינט ווי עס איז געווען דאמאלס, ווען די זאך האט פאסירט. יעדער גוטער קריסט פיהלט אין זיין הארצען יענע שמחה מיט'ן זעלבען התלהבות'דיגען ברען, היינט ווי דאמאלס. ווייל ישוע המשיח איז לעבעדיג אין זיין הערץ און אין זיין נשמה זייענדיג בעוואוסטזיניג אז דורכ'ן היי־

> איהר זענט דאך א איד, טא ווארום זאלט איהר ניט וויסען ווער דער אידישער משיח איז? קומט צו אונזערע פערזאמלונגען פרייטאג און זונטאג, 8 או.הר אבענד, וועלען מיר דאס אייך ערקלערען.

ליגען משיח ווערט ער אויסגעלייזט פון זיינע זינד און ווערט פעראייניגט מיט גאט ב"ה און ער ווערט במילא א יורש אין מלכות השמים.

אויף דיעזען גרונד איז דער מאטיוו פון קריסטען אין דער פייערונג פון קריסטמאס א זאך וואס גיבט א לעבענס־קראפט, א גייסטיגען תענוג און א געהויבענע שמחה. דערפאר קענען מיר אויך לייכט פארשטעהן פארוואס די ליעבע גוטע קריסטען האבען תמיד אויסגעטיילט פיעל געלד לכבוד דעם יו"ט קריסטמעס. מ'האט פארזארגט ארעמע לייט מיט מזון סעודות, מ'האט פרעהליך געמאכט קליינע קינדער, מ'האט אבגעווישט טרעהרען פון טרויריגע פאר'צרה'דיגע אויגען, געטרייסטעט און בערוטהיגט אלמנות און נידערגעשלאגענע געמיטהער. און דאס טהון די קריסטען עד היום, ווייל דער מאטיוו שאפט אין הערצען אן אנגעהייערע דאנקבארקייט און אן אונבעגרענעצטע שמחה, וואס ציהט זיך מיט דעם חוט של חסד, וואס האט זיך דאמאלס אנגעהויבען ביי דעם וויגעלע אין בית לחם.

די אידען אין אמעריקא האבען אויך אנגעהויבען נאכצוטהון די קריסטען אין אידישען חנוכה פייערונג. כאטש עס איז נישט עכט, נייערט נאכגעמאכט, דאך זעהט עס אויס אזוי ווי די פייערונג פון קריסטמעס ביי קריסטען. זיעבציג פראצענט פון די אידישע באפעלקערונג מאכען א קריסטמעס־בוים באצירט מיט עלעקטרישע לעמפליך, מ'גיבט פרעזענטען פאר קליין און גרויס א. ז. וו. ווען מ'זאל זיי א פרעג געבען „פעטער, פארוואס טהוט איהר דאס? איהר גלויבט דען אין ישוע המשיח?" וועט ער אייך זאגען, דאס טאקע נישט, אבער אנדערע טהון אזוי טהון מיר אויך אזוי. דאס הייסט, עס איז פשוט א נאכקרימעניש, א מאנקי ביזנעס ווייל א מאנקי (מאלפע) האט, ווי געוועהנליך, א נאטירליכע נייגונג דעם מענש נאכצומאכען.

אין אמת אריין, איז דאס גאנצע אידישע לעבען א נאכגעקרימטע זאך! נעמט צום ביישפיעל די אידישע טעמפלען, די קריסטען האבען אן ארגעל אין קירכע, האבען אידען אויך אן ארגעל אין זייער טעמפעל. קריסטען האבען פרומע און גאטעס־פירכטיגע פרויען, וואס זינגען אין כאהר, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: „בחורים וגם בתולות זקנים עם נערים יהללו את שם ד'" (תהלים קמ"ח), האבען די אידישע טעמפלען אויך א כאהר, אבער נור פון סתם פשוט'ע שיקסעס (שקצות). קריסטען האבען א „יאנג מען קריסטיען אסאסיאיישאן" און א „יאנג וואומען קריסטיען אסאסיאיישאן" טהוען אידען נאך און האבען א יאנג מען היברו אסאסיאיישאן און א יאנג וואומען היברו אסאסיאיישאן.

אזוי קרימט מען זיך נאך אויך אין טעגליכען לעבען און אין מאדעס. אט קומען אן נייע מאדעס פון פאריז אין דער 5טער עוועניו פאר די וואנדערבילדס, מארגאנס און די גולדס, וועלכע קאנען זיך פארגינען דעם הויכען פרייז צו בעצאהלען. נעמט עס אבער גארנישט לאנג און מ'זעהט די אידישע איסט־סייד ליידים אויך טראגען יענע מאדעס, כאטש נישט פון דעם ריכטיגען עכטען מאטעריאל, עס איז נור נאכגעקרימט און פלאפעריש נאכגעמאכט.

עס פרעגט זיך אבער פארוואס זאלען אידען אימיטירען און נור זיין דער זנב צו אלע זאכען, וואס זיי קרימען נאך, פארוואס זאלען זיי נישט האבען דאס אריגינעלע, דאס עכטע און זיין פון

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.